# תוכן השיחות בעת ניחום אבלים אצל רבינו שליט"א
# על פטירת אחיו כ"ק הגה"צ אב"ד תולדות אהרן זצ"ל
# יום א׳ פרשת שלה תשע"ח לפ"ק

## מנהגי התפלה בבית האבל

**בנו הרה"ג רבי חיים יהודה:** מען זאגט תתקבל ביי קדיש אין די שבעה בבית האבל?

**רבינו:** מען פירט זיך, אז דער אבל אליינס זאגט נישט, אבער אויב א אנדערער דאווענט פארן עמוד זאגט ער יא.

**הרה"ג רבי חיים יהודה:** דער **שו"ת גנזי יוסף** (סימן ע"ד) ברענגט אזוי פונעם זיידן דער **קול אריה זי"ע.** תחנון און ברכת כהנים זאגט מען?

**רבינו:** ביידע זאגט מען נישט בבית האבל.

**הרה"ג רבי חיים יהודה:** די אנדערע זאכן וואס מען זאגט נישט, ווען מען זאגט נישט קיין תחנון, אזוי ווי תפלה לדוד און למנצח זאגט מען?

**רבינו:** מען זאגט נישט למנצח און תפלה לדוד.

**הרה"ג רבי חיים יהודה:** עס זענען דא וואס טענה'ן אז נאר ווען דער עצם טאג, איז א טאג וואס מען זאגט נישט קיין תחנון, זאגט מען נישט למנצח און תפלה לדוד. אבער בבית האבל, וואס די וועלט זאגט תחנון אין דעם טאג, דארף מען יא זאגן.

**רבינו:** למנצח זאגט מען נישט בבית האבל, ווייל מען וויל נישט מזכיר זיין אז עס איז א יום צרה, עס איז גענוג וואס עס איז דא. די זעלבע טעם פארוואס מען זאגט נישט קיין תחנון, כדי נישט מעורר צו זיין קיין דינים (עיין **במג"א** סימן קל"א סק"י). תפלה לדוד איז נישט קיין איסור צו זאגן, מען מעג זאגן א קאפיטל תהלים, נאר מען דארף עס נישט זאגן (כמו שכתוב **בסדר היום** (הובא בספר **שער הכולל** פרק יא סעיף כג) כיון דכתיב ביום צרתי אקראך וכו׳ אין ראוי לאומרו).

**א׳ מהנוכחים:** עס איז דא א שמועס אין די פוסקים צו מען זאל זאגן קרבנות.

**רבינו:** דאס איז א צווייטע זאך, וועגן לימוד התורה, אזוי ווי א אבל לערנט נישט, צו ער זאגט קרבנות.

## עובדות מהרה"ק מהר"א מבעלזא זי"ע ומשפחתו

**אב"ד היבנוב:** ווען עס איז געבוירען ביי מיין מאמע די ערשטע אייניקלעך, האט זי געהייסען מכבד זיין דעם **סאמבאטהעלער רב זצ"ל** מיט מוהל'שאפט. מיר האבן געהאט א שייכות מיטן **סאמבאטהעלער רב**, ער פלעגט איינשטיין אין בעלזא ביי רבי שמואל פרענקל זצ"ל (חתן מרן הרה"ק מהר"א **מבעלזא זי"ע**), ער איז געווען מיין מאמע'ס ברודער.

**רבינו: מיין טאטע ז"ל** פלעגט אסאך מאל צו רעדן פון דעם רבי שמואל, ער איז דארט שטענדיג איינגעשטאנען. - רבי שמואל האט געהאט א ברודער דאהי, רבי שלום, וואס האט געהאט א געשעפט אויף ראבלינג סט.

**אב"ד היבנוב:** רבי שמואל פרענקל איז געווען א דיין דארט אין בעלזא. דער **בעלזער רב, רבי ישכר דוב זי"ע** האט אים געהייסען אנטוהן א קאלפיק אינמיטן די וואך.

עס איז נעבעך גארנישט געבליבן פון די גאנצע משפחה פונעם **בעלזער רב.**

**רבינו:** דער **בעלזער רב** האט געהאט פארן קריג ארום פינף און פערציג קינדער און אייניקלעך. ער האט קיינמאל נישט גערעדט פון זיי.

**הרה"ג רבי יצחק שטיין שליט"א ראב"ד פאלטישאן:** מען פארציילט אז ווען דער **בעלזער רב** איז געזעסן שבעה נאך זיין ברודער דער **בילגורייער רב זצ"ל**, האט איינער געזאגט ביי ניחום אבלים, אז ער זאל מער נישט וויסען פון קיין צער. האט דער **בעלזער רב** געזאגט, חלילה חלילה, איך האב קיינמאל נישט געהאט קיין צער.

**רבינו:** ווען דער **בעלזער רב** פלעגט צינדען די ליכט ערב יום הקדוש, האט ער אויך געצינדען פאר די קינדער וואס זענען אים אוועק פארן קריג, אבער די איבריגע האט ער נישט געוואלט דערמאנען.

**הרה"ג רבי פרץ טובי' דייטש שליט"א אב"ד חליסה:** ער פלעגט לייגען אזעלכע צעטלעך אויף יעדע פון די ליכט, וואס ער האט געצינדען, מיט דעם נאמען פון די נשמה. און דער משמש רבי יצחק לאנדאו הי"ו האט אים דערמאנט דעם נאמען פון זיין עלטסטער זוהן רבי משה'לע זצ"ל, וואס איז אוועק ביי די קריג. האט דער **בעלזער רב** געזאגט, נו נו נו...

**הרה"ג רבי חיים דוב ווייסבערג שליט"א:** עס איז מיר אלץ געווען א דבר פלא. איך בין געווען ביים לעצטן טיש פרייטאג צו נאכטס ביים **בעלזער רב**, ער האט געענדיגט דעם טיש ארום האלב נאך פיר. אויפן וועג אהיים איז מיר אקעגן געקומען א גרויסער הונט, און איך האב זיך זייער דערשראקן, בין איך צוריק געלאפן צום שאטער. האב איך געזעהן דארט זיצען רבי יצחק לאנדא און רבי יחיאל הירש, זיי האבן געשמועסט דארט. אינמיטן קומט ארויס רבי שלום פויגל ע"ה, און ער זאגט, אז דער רב האט געהייסען עס זאל זיין שטיל, ווייל די קאפ טוהט אים וויי. - עד היום הזה קען איך עס נישט פארשטיין, זיי זענען געווען אינעם שאטער, און זיין שטוב איז געווען היבש אהינציער, און ער האט געהייסען זיין שטיל, עס איז א פלא פון א זאך.

**רבינו:** מיין מאמע ע"ה איז געווען דעמאלטס אין ארץ ישראל, זי איז נאך געווען דעם לעצטען פרייטאג צו נאכטס ביים טיש, און באקומען קידוש וויין.

**הגרח"ד ווייסבערג:** מיין טאטע ע"ה איז געווען אין פעסט פאר די קריג, און מיין מאמע ע"ה האט זייער שטארק געוואלט זעהן דעם **בעלזער רב**. עס איז געווען חודש אלול, און מען האט נישט געקענט אריינגיין. האט מיין טאטע געזאגט, אז זי זאל זיך באהאלטען אויף א פלאץ ווי דער **בעלזער רב** דארף אדורכגיין ווען ער גייט דאווענען שחרית, און דארט וועט זי אים קענען זעהן. ווען דער **בעלזער רב** האט געעפענט די טיר ארויסצוקומען צו גיין דאווענען, איז ער שטיין געבליבן, און ער האט געזאגט איך שפיר א ריח פון א אשה, ער האט צוגעמאכט די טיר און צוריקגעגאנגען. מען האט אנגעפאנגען צו זוכען, און מען האט איר געטראפען. מען האט איר אוועקגעשיקט פון דארט בתופים ובמחולות...

איך האב עס אמאל דערציילט פאר **רבי פישעלע** (**הערשקאוויטש זצ"ל** אב"ד האליין) איז ער אויפגעשפרינגען, און געזאגט מען קען נישט משיג זיין די קדושה פון א יוד.

---

## שמיעת קול בכי בקברי צדיקים

---

**הר"ר שמואל ישראל ניימאן:** איך האב פרייטאג געהערט א מעשה, אז א יוד איז דאנערשטאג נאכט ארויסגעפארן אויפן בית החיים אין ניו דזשערסי, פאר די חתונה פון זיין טאכטער, און ער איז אריינגעגאנגען צום סאמבאטהעלער רב'ס ציון, אזוי ווי ער איז אריינגעקומען, הערט ער קולות פון בכיות, ער דרייט זיך אויס און ער קוקט ארום, און ער זעהט נישט קיינעם. פון גרויס פחד איז ער ארויסגעלאפן.

**א' מהנוכחים:** דער יונגערמאן האט מיר פארציילט די מעשה, אז ער איז געפארן מיט די קאר, און אנשטאט זיך איינצודרייען צום ציון פון **רבי הערשעלע ספינקער זצ"ל**, איז ער געפארן גלייך ביז צום אהל פונעם **סאמבאטהעלער רב**, און די טיר איז געווען אפען, און א לעכט האט געברענט ביים ציון, און ווען ער איז ארויסגעקומען פון די קאר האט ער געהערט קולות. ער איז דארט געווען מיט זיינע צוויי בחורים, און זיי האבן זיך אזוי דערשראקען אז זיי זענען צוריק אריינגעלאפן אין די קאר און אוועקגעפארן. ער האט נישט געוויסט ווי ער איז אנגעקומען, אז עס איז דעם סאמבאטהעלער רב'ס ציון, אינדערפרי האט ער עס דערציילט אין בית המדרש, האט מען אים געזאגט אז עס איז דעם סאמבאטהעלער רב'ס ציון, און זיין זוהן איז די נאכט נסתלק געווארן.

**הרה"ג רבי ישכר דוב כ"ץ שליט"א בן גאב"ד סערדאהעלי:** עס שטייט אין רש"י (במדבר כ-טו) אז די אבות זענען זיך מצטער בקבר בצרת בניהם.

**חתנו הרה"ג רבי בן ציון ראבינאוויטש שליט"א** (בן כ"ק האדמו"ר מדינוב שליט"א): ווען מיין טאטע זאל זיין געזונט איז די ערשטע מאל געפארן אויף די מקומות הקדושים, אין די ל' יארן, ווען מען האט אויפגעמאכט די גרעניצן. האט אים דער **אולם'ער**

**רב זצ"ל** פון קווינס אנגערופן, אז ער וויל אים דערציילען א מעשה, ער ווייסט נישט פשט אין די מעשה, אז ער האט געהערט פונעם **מנחת אלעזר זצ"ל** אז ער איז אמאל געגאנגען מיטן טאטן, דער **דרכי תשובה זצ"ל**, צו **רבי משה לייב סאסוב'ערס** ציון. דער **מנחת אלעזר** איז נאך דעמאלטס געווען זייער יונג, און נאכן מתפלל זיין, זאגט אים דער **דרכי תשובה**, דו הערסט עפעס? זאגט אים דער **מנחת אלעזר**, איך הער נישט גארנישט. זאגט אים דער **דרכי תשובה**, לייג צו די אויער צו דו הערסט עפעס. זאגט ער, ניין. ביים דריטן מאל זאגט דער **מנחת אלעזר**, יא, איך הער עפעס. פרעגט אים דער **דרכי תשובה**, וואס הערסטו. זאגט דער **מנחת אלעזר**, איך הער א קינד וויינען. זאגט אים דער **דרכי תשובה**, יא, דאס האב איך געוואלט דו זאלסט הערן. אזוי האט דער **מנחת אלעזר** פארציילט, און ער האט קיינמאל נישט מסביר געווען וואס דאס מיינט.

דער טאטע (כ"ק האדמו"ר מדינוב שליט"א) איז דעמאלטס געווען אין ליזענסק, און עס איז געווען דארט א פרוי וואס האט קע"ר גענומען פונעם ציון, האט איר מיין טאטע געפרעגט צו זי איז געווען דארט ביי די מלחמה. האט זי געזאגט, יא. האט ער איר געפרעגט, פארוואס האבן די דייטשן דא גארנישט געטון. האט זי געזאגט, אז די דייטשן זענען דא געקומען, זיי האבען געהערט אז מען באהאלט דא געלט ביים ציון, און זיי האבן אנגעהויבן צו גראבן, און זיי האבן געהערט א קינד וויינען, און זיי האבן זיך אזוי דערשראקען אז זיי זענען אנטלאפן.

**רבינו:** אין פתח תקוה האט געוואוינט א יוד רבי משה יעקב ווייס ע"ה, ער איז געווען דעם **שימאני רב'ס** א נעפי"ו, האט ער פארציילט, אז ער איז אמאל געווען מיטן **שימאני רב** אין בית החיים אין פרעשבורג, דער שימאני רב'ס פאטער ליגט אין פרעשבורג. עס איז געווען ביינאכט, און ער איז אדורכגעגאנגען נעבן א קבר, האט דער **שימאני רב** אים געוויזען אויף דעם קבר, און ער האט אים געזאגט, 'דא שפירט מען דעם ריח פון גיהנם, מען ברענט און מען בראהט'. ווען ער איז אנגעקומען צו זיין פאטער, האט ער געזאגט, 'דא שפירט מען א ריח גן עדן'.

**הר"ר שמואל ישראל ניימאן:** מען זאגט, אז עס איז געווען דער אקס וואס האט זיך זיך נישט געלאזט שחט'ן אין פרעשבורג, און ער האט זיך ארויסגעכאפט פונעם בית השחיטה, און ער איז געלאפן דורך די שטאט ביז ער איז אנגעקומען צו די שטוב פונעם **שבט סופר זצ"ל**, און ער איז ארויפגעגאנגען די טרעפן, און ער האט זיך אראפגעזעצט ביי די טיר. די גוים זענען געקומען אים שלעפן מיט קייטן, און ער האט זיך נישט גערירט. ווען מען האט עס פארציילט פארן **שבט סופר**, האט ער געזאגט אז מען זאל אויפמאכן די טיר, און ער האט אים אריינגעזאגט אין די אויער, לאז דיך שחט'ן לכבוד שבת, און דו ווערסט האבן א תיקון. דער שור איז אראפגעגאנגען שיינערהייט, און ער איז צוריקגעגאנגען צום בית השחיטה, און מען האט אים געשחט'ן. ווען מען האט דערציילט די מעשה, האט דער **שימאני רב** געזאגט, אבער זיין קבר האט נאך א ריח, איך האב אים געקענט.

---

**בענין כבוד בית המדרש**

---

**רבינו:** מיר זענען געווען שכנים מיטן **פאיע'ער רב זצ"ל**.

**אב"ד פאיע:** מיר פלעגן גיין אין די סאמבאטהעלער מקוה.

**רבינו:** אונזער בית המדרש איז געווען פריער פון ענק?

**אב"ד פאיע:** אונז האב מיר נישט געהאט קיין מקוה אין אנהייב.

**א' המנחמים:** איך האב אמאל פסח'דיג געמאכט די ספרים ביים **סאמבאטהעלער רב זצ"ל**, האט ער מיר פארציילט אז דער **פאיער רב** איז אריבערגעקומען און ער האט אים געזאגט, אז ער וויל פארברייטערן זיין שמשות. ביז יעצט דארף איך אויך אמאל פאקען די ספרים, און איך וויל ווערן א מקוה יוד אויך. איז ער אריבערגעקומען זעהן ווי אזוי די מקוה איז געמאכט. עס איז נאכנישט געווען אזוי איינגעפירט אז עס איז געווען עקסטער א שמש, דער רב האט אלעס אליין געדארפט טון.

**רבינו:** מען זאגט אויף רש"י, אז זיין פאטער האט זוכה געווען צו אזא קינד, ווייל ער פלעגט

אויסקערן די בית המדרש. - די אמאליגע רבנים האבן געהאט גוטע קינדער, ווייל זיי האבן זיך אסאך אפגעגעבן מיטן בית המדרש.

## כתיבת שמות הצאצאים בספר

**הרה"ג רבי יצחק זלמן גיפס שליט"א דומ"ץ בית מדרשנו ברכת אברהם בב"פ:** א יוד האט מיר דערציילט פאריגע וואך, אז ער האט געגעבן א נאמען פאר זיין קינד ביים ברית, און דער רב'ס טאטע איז געווען דער מוהל. און עס איז אדורך אסאך יארן, און ביים שרייבן די כתובה האט זיך איינער אנגערופן, אז ביים ברית האט ער אויך א נאמען געגעבן נאך **רבי מענדל רימנוב'ער זי"ע**, און ער האט א נאמען געגעבן פנחס מנחם, און מען האט גערופן דאס קינד אלע יארן מיטן נאמן מענדל. און עס איז אדורכגעגאנגען צוואנציג יאר, און מען האט געדארפט שרייבן די כתובה, האט ער שוין נישט געדענקט צו ער האט געגעבן מנחם, צו מענדל, צו מנחם מענדל. איז ער געגאנגען פרעגן זיין רב וואס ער זאל טון. האט אים דער רב געפרעגט, ווער איז געווען דער מוהל. האט ער געזאגט, דער **סאמבאטהעלער רב**. האט ער אים געזאגט, גיי אריבער צו אים, און פרעג אים ווי אזוי דאס קינד הייסט, ווייל ער האט אלעס פארשריבן. איז ער אריבערגעגאנגען צום **סאמבאטהעלער רב**, און ער האט ארויסגענומען דאס ביכל, איז געשטאנען דארט פנחס מנחם מענדל.

**רבינו:** פון אלעם קומט ארויס א תועלת.

**הגרי"ז גיפס:** אמאל פלעגט יעדער אריינשרייבן אין א ספר, אין א חומש, אלע נעמען פון די קינדער. און אזוי איז אריבער געגאנגען דאס חומש מדור לדור.

**רבינו:** דער טאטע האט אריינגעשריבן אינעם עמדין סידור.

**גאב"ד סערדאהעלי:** דער **שאמלויא'ער רב** האט אריינגעשריבן אין סידור רבי שבתי.

**א' מהמנחמים:** וואו האט ער אריינגעשריבן די ברית'ן.

**רבינו:** אין א ביכל.

**א' מהמנחמים:** וויפיל ברית'ן האט ער געהאט.

**רבינו:** איך מיין ארום צוויי און א האלב טויזנט, דא אין אמעריקא אליין.

## אבלות בפרהסיא בשבת קודש

**רבינו:** אין שלחן ערוך (סימן שצ"ג סעיף ד') שטייט, אז שבת זאל א אבל נישט משנה זיין דעם מקום אין בית המדרש, און דער רמ"א האלט אז מען זאל יא משנה זיין דעם מקום. כאטש לכאורה איז דאך דאס אבילות בפרהסיא, ברענגט דער **ש"ך** (שם סק"ז) צוויי טעמים, איינס אז דאס הייסט נישט קיין פרהסיא, ווייל עס מאכט זיך אז דער מענטש איז משנה מקום א אנדערס מאל אויך וועגן א אנדערע סיבה. צווייטענס זאגט ער א חידוש אין די הלכה, אז די הלכה פון אבילות בפרהסיא איז נישט געזאגט געווארן בי א זאך וואס איז נוגע נאר אין די שבעה, אבער א זאך וואס איז נוהג נאך די שבעה אויך, איז נישט דא די הלכה פון אבילות בפרהסיא.

**גאב"ד סערדאהעלי:** עס איז א גרויסער מחלוקת דערין.

**רבינו:** אויב אזוי קומט אויס, אז די אלע זאכן ווי גיין צו שמחות וכדומה, איז אויף דעם נישט דא קיין היתר פון אבילות בפרהסיא, ווייל עס גייט אן א גאנץ יאר.

**גאב"ד סערדאהעלי:** יא, עס איז א געוואלדיגער נפקא מינה להלכה דער צווייטער טעם.

**רבינו:** עס איז אנגענומען דער טעם להלכה?

**גאב"ד סערדאהעלי:** עס איז נישט מבואר קלאר אין די פוסקים.

נאך א זאך וואס איז א טענה אויף דעם ענין, אז פאהרן אהין צו די שמחה, אזוי ווי היינט ער פארט קיין מאנסי, ער לייגט זיך אריין בידים צו א מצב פון אבילות בפרהסיא. אז ער איז דארט ווען עס האט אים געפאקט, דו האסט נישט קיין ברירה, איז גוט, עס איז אבילות בפרהסיא. אבער מאכן לכתחילה אזא סארט זאך, דאס זיכער נישט.

**רבינו:** עס איז נישט קיין הכרח אז זיכער נישט, מען דארף האבען א ראיה דערויף. ער איז נישט מחוייב, נישט צו פארען.

**גאב"ד סערדאהעלי:** ער טוהט עס דוקא, ער מאכט א טצדקי כדי זיך ארויסצודרייען פון דער אבילות.

**הגרח"ד ווייסבערג:** ווען מיין טאטע ע"ה איז אוועק, האט מיין שוועסטער חתונה געמאכט, און איך בין נישט געגאנגען אויף די חתונה. האט זי מיר אנגעהויבן זייער צו מוטשענען אז איך זאל קומען כאטש פרייטאג צו נאכטס, שבת שבע ברכות, עסן אין זאל. בין איך געגאנגען פרעגן **רבי פישעלע** (הערשקאוויטש זצ"ל אב"ד האליין), אויב איך מעג גיין עסן דארט פרייטאג צונאכטס. האט ער געענטפערט, ניין, בשום אופן נישט. האב איך געקלערט אפשר איז ער זייער מחמיר, האב איך געפרעגט מיין רבי'ן דער **קאשוי'ער רב זצ"ל**. איך האב אים אנגערופן אז מיין שוועסטער מוטשעט מיר, צו מעג איך גיין עסן דארט פרייטאג צונאכטס. האט ער אנגעהויבן שרייען אויף מיר, דו שעמסט דיך נישט, די שאלה פאסט פאר אמעריקאנער יודען, דו זאלסט פרעגן אזא שאלה?! מען טאר נישט. און מיט דעם האט זיך עס געענדיגט.

דעמאלטס האט **רבי פישעלע** מיר געזאגט, יעדער קען זאגן וואס מען וויל, עס שטייט אין רמ"א (יו"ד סימן שצ"א סעיף ב') והמנהג לא לאכול בשום סעודה בעולם, מען טאר נישט אריינגיין. יעדער שרייבט היינט אנדערש, אבער דאס איז בדידי הוי עובדא.

**גאב"ד סערדאהעלי:** היינט גייט מען ליידער אויף די חתונה אויך, נישט נאר פרייטאג צו נאכטס. און מען זאגט, אז **רבי פישעלע** איז בכלל נישט געווען קיין מחמיר.

**אב"ד חליסה:** איך בין אמאל געווען מיט **הרב וואזנער זצ"ל** ביי א חתונה, און דער מחותן, דער אבי הכלה, איז געווען א אבל און ער איז געקומען אינמיטן די סעודה אפנעמען מזל טוב. און דער מחותן האט עפעס געפרעגט פון **הרב וואזנער**, האט אים **הרב וואזנער** געזאגט, למעשה טאר איך מיט דיר נישט רעדן, ווייל דו טארסט נישט יעצט זיין דא, איך ענטפער דיך נישט!

**א' מהנוכחים:** עס איז אמאל געווען א שמועס ביים **ברך משה זצ"ל** אין שטוב, און איינער האט געזאגט, אז ער גייט צו יענע און יענע חתונה, ער איז געווען אין יאר. האט אים דער **ברך משה** געפרעגט, קיין כיבוד אב ואם איז שוין נישט דא ביי דיר?

**הגרח"ד ווייסבערג: רבי פישעלע** אויב ער האט געזעהן איינעם וואס איז א אבל טאנצן ביי קידוש לבנה, אדער ביי נעילת החג, האט ער אים געקענט אנשרייען, וואס טוסטו דא, גיי ארויס.

## ניחום אבלים לחיים ולמתים

**רבינו:** עס איז א פלא וואס עס שטייט דער לשון, אז דער נפש איז מתאבל אויפן גוף, און עס דארף ניחומים (עיין שבת קנב., ובזוה"ק ויחי רכו.). וואס איז דער נפש מתאבל? די נפש איז דאך א רוחני.

**גאב"ד סערדאהעלי:** די עיקר איז דאך, אז מען קען דינען דעם אייבערשטען מיט די גרעסטע אופן וואס איז שייך, און דער נפש איז מתאבל אז עס האט זיך אויפגעהערט די עבודה. אפילו ער איז יעצט אין גן עדן, און עס איז טאקע זייער גוט, אבער ער וואלט ענדערש געוואלט אראפקומען דא און דינען דעם אייבערשטען, עס טוט אים לייד.

**דער אור החיים הק'** (פ' קרח טז-כב) ברענגט צו, אז עס איז פאראן פארשידענע דרגות אין די נשמה. איינס פון די אוצר הנשמות, וואס דער אייבערשטער האט באשאפן מלכתחלה, אבער זיי זענען נאכנישט אראפ געקומען אויף דער וועלט. נאכדעם איז פאראן נשמות וואס זענען שוין געווען אויף דער וועלט, און זיי זענען שוין צוריק געקומען אויבן אין גן עדן. נאכדעם איז דא נשמות וואס זענען דא אויף די וועלט אין די גופים. און ער זאגט דערנאך, אז פון די אלע דרגות, איז די חשוב'סטע די נשמה וואס איז אינעם גוף, און ער פירט זיך בקדושה ובטהרה. וועגן דעם איז די תנחומין אויך א תנחומין פאר די נשמה.

**רבינו:** די תנחומין איז לחיים ולמתים (רמב"ם הל' אבל פרק י"ד).

**אב"ד תולדות אהרן וומסב"ג:** עס שטייט אין **זוהר הק'** (מדרש הנעלם חיי קכב:) אויפן פסוק (בראשית כג-ב) ויבא אברהם לספוד לשרה, אז אברהם איז רומז אויף די נשמה, און שרה איז די גוף. ויבא אברהם לספוד לשרה ולבכותה, די נשמה קומט באוויינען דעם גוף, אז דורך דעם גוף בין איך אזוי געשטיגען, אן דעם גוף קען די

נשמה גארנישט אויפטון. דער גוף איז אזא הייליגער גוף, וואס מיט אים האב איך מקיים געווען מצות און מעשים טובים פארן אייבערשטען. כאטש בחיים חיותו פלאגט זיך די נשמה ארום מיטן גוף, עס טוט אים וויי אז דער חומר הגוף שלעפט אראפ די נשמה, אבער לאחר מאה ועשרים קומט צוריק די נשמה, און עס באווייזט דעם גוף, אויף דעם וואס ער איז אלץ געשטיגען דורך דעם גוף.

דער פעטער (**גאב"ד סערדאהעלי**) זאל זיין געזונט האט מיר אמאל געזאגט, אז דאס אלעס איז נישט נאר ווען א מענטש קען טון מצוות ומעשים טובים, נאר אפילו ער איז אין א מצב וואס ער קען נישט טון קיין פעולות, איז על כרחך אז עס איז נאך חשוב'ער. ווייל אז נישט, פארוואס האט אים דער באשעפער געמאכט אין אזא מצב. עס איז דאך למעלה מהשגתינו צו פארשטיין בכלל פארוואס לעבט דער מענטש, וואס האט דער באשעפער דערפון? אלא מאי, אוודאי איז דא עפעס דערפון.

**גאב"ד סערדאהעלי:** מען קען קיינמאל נישט וויסן אפילו אין אזא מצב, אויב עס איז נישט דא קיין כל שהוא וואס א מענטש איז ביים דעת, און ער דינט דעם אייבערשטען, און ער איז מקבל אויף זיך גזירת המקום. דאס איז זייער חשוב ביים אייבערשטען.

---

**בענין נתינת היתר הוראה**

---

**הרה"ג רבי בנימין ברייער שליט"א דומ"ץ בית מדרשנו זכרון יהודה בב"פ:** ווען דער רב איז געזעסן שבעה נאכן טאטע ז"ל בין איך געווען מנחם אבל זיין צוזאמען מיטן פריערדיגן רב (בעל **עזר מיהודה**) זצ"ל. איך בין געווען הויז בחור שבת, האט ער מיך געבעטן אז איך זאל מיטקומען מנחם אבל זיין.

**רבינו:** ער איז אנגעקומען מיטאג, נאכן שיעור.

**הגר"ב ברייער:** מען האט דעמאלטס געשמועסט, אז דער **בעל שם טוב הק'** איז אוועק דעם ערשטען טאג שבועות, וואס די הלכה איז, אז יתעסקו בו עממין (שו"ע או"ח סימן תקכ"ו סעיף א'). און דער **וואוידעסלאווער רב** איז אויך דארט געווען, האט ער זיך אנגערופן, אין די היינטיגע צייטן איז אויך יתעסקו בו עממין אינעם **בעל שם טוב**.

**הר"ר יוסף לעפקאוויטש** (על הר"ר יעקב יוסף ליכטער הי"ו): זיין חתונה איז געווען אין מאנטריאל, און דער רב האט אים געטראגען די התרת הוראה צו די חתונה.

**רבינו:** קענסט עס נאך נוצן.

איך האב א ראיה אז התרת הוראה מיינט גארנישט, ווייל איך בין געווארן רב אין א גרויסע קהלה, און קיינער האט נישט געבעטן צו זעהן מיין התרת הוראה...

**הגר"ב ברייער:** דער רב האט דערמאנט ביי די דרשת הכתרה, די אלע רבנים פון וועם מען האט באקומען התרת הוראה (נדפס **בשמן ראש** חלק ראשון השלם דברים דף תג)[א].

מיין פעטער רבי יוסף שלמה ברייער הי"ו (מזקני תלמידי **הגה"ק מסערדאהעלי זצ"ל**) האט פארציילט, אז דער **סערדאהעלער רב זצ"ל** האט געהאט א ברודער דא אין אמעריקא רבי שלמה זלמן. ער איז געווען א איידעם ביי **רבי פנחס צימעטבוים זצ"ל ראב"ד גראסווארדיין**, דארט ווי דער **מנחת יצחק זצ"ל** איז געווען א איידעם. ער איז געווען א תלמיד פונעם **אונסדארפער רב זצ"ל**, און ער האט געהאט התרת הוראה פונעם **אונסדארפער רב**. און ער האט אים פארציילט, אז דעם טאג וואס ער איז געקומען בעטן התרת הוראה, האט ער אים געזאגט, אז ער קען נישט היינט, ווייל ער פאסט דעם טאג וואס ער גיט התרת הוראה, און היינט האט ער שוין געגעסן, ממילא זאל ער צוריקקומען דעם אנדערן טאג. און ער איז צוריקגעקומען, און ער האט אים פארהערט, און ער האט אים געגעבן התרת הוראה, און ער האט געוויינט בדמעות שליש, אז אויף מיין אחריות גייסטו פסק'ענען שאלות פאר כלל ישראל.

---

[א] וזה תוכן הדברים: ומתפלל אני, יהי ה' אלקינו עמנו כאשר היה עם אבותינו, זכות אבותי הקדושים מוסדי דור ודור, ה"ה **הגאונים מסערדאהעלי, מאקאווא, שאמלויא, בעל הקול אריה זצלל"ה**, יעמדו לי שאוכל לנהוג את הקהלה על דרכי התורה. וזכות הגאונים שהסמיכו אותי להוראה, ה"ה **הרבנים הגאונים מטשאקאווא, פאפא, ריסקאווא, פראנקפורט זללה"ה**, יעמדו לימיני שלא אכשל בדבר הלכה לעולם.

מיין פעטער האט מיר פארציילט, אז ווען ער איז געקומען קיין אמעריקא האט ער נאך געלעבט, און ער איז אים געגאנגען אמאל באזוכן, האט ער אים דערציילט, אז ער איז געווען א רב אין א שול, און ווען מען האט אים אויפגענומען, איז איינער פון די מתפללים וואס האט נישט געהאלטן קיין טהרת המשפחה, גע'הרג'עט געווארן אין א עקסידענט, און מען האט נישט געקענט מאכן קיין טהרה. און ער האט אים מספיד געווען, און ער האט געזאגט, אז עס שטייט אין די גמרא (ברכות נג:) והתקדשתם, אלו מים ראשונים, והייתם קדושים, אלו מים אחרונים. האט ער געזאגט, אז עס איז דא מים ראשונים, איז דא מים אחרונים. און אזוי ווי עס איז נישט געווען קיין מים ראשונים, איז נישט דא קיין מים אחרונים. דאנערשטאג איז געווען די לויה, און זונטאג האט מען אים אפגעזאגט די רבנות. אזוי לאנג איז ער געווען רב, פון דאנערשטאג ביז זונטאג.

**רבינו:** ער האט געהאט א בית המדרש אין די בראנקס.

## כמה ענינים בנתינת שם

**הגר"ב ברייער:** זעהט אויס אז עס איז געווען דער נאמען 'שלמה זלמן' אויך פון די זייט (מצד משפחת **הגה"ק מסערדאהעלי זצ"ל**).

**רבינו:** איך מיין אז פון **רבי יונתן בנימין ז"ל** (אבי **הגה"ק מסערדאהעלי זצ"ל**) זייט, איז געווען א משפחה נאמען שלמה זלמן (חותנו **רבי שלמה זלמן בערגער ז"ל** מעיר טשענגער).

**הרה"ג רבי יהושע: רבי יעקב עהרענרייך ז"ל** (אבי **הגה"ק משאמלויא זצ"ל**) איז געווען א תלמיד פונעם **יריעות שלמה**. אזוי זאגן די אייניקלעך. וועגן דעם האט ער א נאמען געגעבן זיין זון, דער **שאמלויא'ער רב**, מיטן נאמען 'שלמה זלמן'.

**רבינו:** עס איז נישט קיין ראיה. ווייל דער **קול אריה** האט געגעבן נעמען נאך אלע צדיקים וואס זענען אוועק בימיו. ער האט געהאט א זון רבי מרדכי זאב, נאכן **מפרשי הים**. ער האט געהאט א זון רבי איטשע מאיר (אב"ד דראגמירעשט בעמח"ס **אמרי יצחק**), נאכן **חידושי הרי"ם**. אונגארן מיטן חידושי הרי"ם איז צוויי וועלטן. און מן הסתם האט דער זיידע דער **קול אריה** דעמאלטס א נאמען געגעבן, און דער **יריעות שלמה** איז אוועק דעמאלטס, האט ער א נאמען געגעבן נאכן **יריעות שלמה** (**הגה"ק בעל יריעות שלמה זצ"ל** נפטר ביום י"א טבת שנת תרכ"ג לפ"ק, ובשנה ההיא נולד **הגה"ק משאמלויא זצ"ל**).

**הגר"ב ברייער:** אין אנטווערפן איז געווען א יוד ר' נפתלי ראזענצווייג, ער איז געווען א אייניקל פונעם **בית נפתלי זצ"ל** (בן הגה"ק **בעל קול אריה זצ"ל**), און **רבי יענקעל'ע** האט געהאלטן אז דער **בית נפתלי** איז אוועק יונגערהייט ווייל ער האט געהייסען נאכן **ראפשיצער רב**, און ער האט געהאט נאר א האלבע נאמען, נפתלי. און סוף ימיו האט רבי יענקעלע געהייסען אז מען זאל צוגעבן פאר דעם ר' נפתלי א נאמען. צבי האט ער נישט געקענט געבן ווייל ער האט געהאט א זון וואס האט געהייסען צבי, האט ער אים צוגעגעבן די נאמען אלטער, ער זאל נישט הייסען נפתלי אליין.

**הרה"ג רבי יהושע:** איך האב געזעהן געדרוקט א פנקס וואס דער **בית נפתלי** האט אויפגעשריבן אלע נעמען וואס ער האט געגעבן. איין נאמען האט ער געגעבן מרים, נאך די רעבעצין פונעם צמח צדיק פון וויזניץ. מנחם ישעי' נאכן **מהר"ם א"ש זצ"ל**, און **רבי ישעי' מושקאט זצ"ל מפראגא**. רבי יוסף שווארץ פון גראסווארדיין האט געהייסען נאכן **מנחת חינוך**.

**א' מהמנחמים:** ווען מען גיט צו א נאמען, רעכנט מען דעם צוגעגעבענם נאמען אלץ א חלק פון די נאמען?

**רבינו:** יא, למעשה האט מען אים אזוי א נאמען געגעבן. - עס איז דא חילוקי מנהגים, צו די נאמען וואס מען גיט צו, צו מען גיט עס קודם דעם נאמען, אדער נאכדעם. צו דאס זאל זיין דער טפל, אדער עס זאל זיין דער עיקר נאמען.

**הגר"ב ברייער:** מען האט אמאל אנגעטראגען פאר איינעם א זיווג שני שידוך, און די צווייטע זיווג האט געהייסען אזוי ווי די ערשטע. ער איז געווען א אלמן, און ער האט נישט געפילט אזוי באקוועם אז דער ערשטער זיווג האט אויך אזוי געהייסען. האט ער געפרעגט **רבי הערש'לע מספינקא זצ"ל**, און **רבי הערש'לע** האט עס אוועקגעמאכט. און איר משפחה איז געווען א

משפחה מיט **רבי שלמה זלמן אויערבאך זצ"ל**, און **רבי שלמה זלמן** האט געזאגט, אז עס איז דא א **צוואת רבי יהודה החסיד** (הובא **בשלחן העזר** סימן א' סעיף י"ב אות ו'), וואס שרייבט געפערליך אקעגן דעם, אז דער זיווג שני זאל נישט הייסען אזוי ווי דער זיווג ראשון. און מען מוז מאכן א עקירת השם. און נישט נאר צולייגען א נאמען, נאר עוקר זיין אינגאנצן דעם ערשטען נאמען, און טוישן די גאנצע נאמען, דרייסיג טעג זאל עס נתחזק ווערן. ער שטעלט זיך צו, און מען זאל פרעגן נאך צוויי רבנים. דעמאלטס איז **רבי משה אריה פריינד זצ"ל** געווען ביי מיין שווער, האט ער אים געפרעגט, און דעם **באבובער רב, רבי שלמה זצ"ל**. ער האט געמאכט די עקירת השם, מען האט געטוישט די גאנצע נאמען פון פערל איז געווארן גאלדע, א נייע נאמען. די ערשטע מאל איך האב געהערט אזא מושג (עיין **בשו"ת שבט הלוי** ח"ב סימן ר"ו).

**רבינו:** ארגינעל מיינט דאס שינוי שם. מען האט געטוישט די נאמען, און עס איז נישט געבליבן גארנישט פונעם פריערדיגען נאמען. אבער אזוי ווי מען האלט אז עס איז א סכנה צו טוישן א מענטשנ'ס נאמען (עיין בספה"ק **באר מים חיים** (פ' בראשית) בשם **הרה"ק המגיד מזלאטשוב זי"ע**), **נפש חיה היא שמו** (בראשית ב-יט), האט מען שפעטער אנגעהויבן צו לאזן דעם אלטן נאמען, און נאר צוגעבן א נאמען דערצו. אזוי ווי שינוי מקום מיינט, אז מען לאזט איבער דעם מקום, מען הייבט זיך אויף פון דא, און מען גייט אריבער אויף ערגעץ אנדערש, אזוי אויך איז שינוי השם, מען האט געטוישט דעם נאמען.

**הרה"ג רבי יהושע:** דאס הייסט נישט א סכנה, אז מען גיט צו נאך א נאמען?

**רבינו:** עס איז נישט די זעלבע ווי מען איז עוקר דעם גאנצן חיות. סוף כל סוף נפש חיה היא שמו, אז איך בין עוקר האב איך צוגענומען א שטיק חיות, און איך דארף צושטעלן יעצט א פרישן חיות, אבער אז איך לאז דאס אלטע, האט מען נאר צוגעגעבן דערצו, עס איז א המשך פון פריער.